


# סוכת **דוד** הנופל"ת

מייסד און מנהל פון "קשר נפשי" **הרב גדלי' דוד מיללער שליט"א** אין אן אפנהארציגע שמועס וואס איז די ריכטיגע וועג צו האנדלען **ווען א קינד פאלט** ל"ע אין אידישקייט

**יום שבתון אין לשכוח**
א נאנטע בליק אריין אין די לעצטיגע "קשר נפשי" שבתים

**אלישע לעווי**

א קיל סליחות-ווינטל האט מיר געקלאפט אין פנים יענעם פארטאגס ארויסשפאצירנדיג פון מיר אינדערהיים גייענדיג צו סליחות אין בית מדרש. מיינע געפילן זענען נאך געווען אינגאנצן צושטורעמט נאך וואס ס'איז קוים אדורך עטליכע שעה פון ווען איך בין געזעסן מיט דעם הארץ פון אזויפיל טויזנטער עלטערן פון איבער די גארער וועלט, דער באקאנטער עסקן הרב גדלי' דוד מיללער שליט"א, מייסד און מנהל פון די בארימטע "קשר נפשי" ארגאניזאציע.

רבי גדלי' איז שוין היינט א וועלט-בארימטער פיגור ביי וועמען אזויפיל אידן טרעפן אן אפענעם טיר אין אלע שעות פון נאכט אדער טאג. זיין הארץ איז ברייט אפן פאר יעדן איד וואס גייט ל"ע אדורך די ביטערע קאשמאר פון האבן א קינד וואס גייט נישט ליידער אין די וועגן פון זיינע עלטערן, און האט אויסגעוועלט אן אנדערע וועג ווי די חינוך וואס ער האט באקומען אינדערהיים, און מ'רעדט דא נישט פון אזעלכע וואס האבן אויסגעוועלט צו זיין פרומער ווי די עלטערן...

אנגעהויבן האט ער זיין פערזענליכע לעבן אלס א פריוואטער בעל הבית און אן ארבייטער אין אן אינשורענס פירמע פון וועלכע ער האט געצויגן פרנסה אויף צו לעבן, אבער ליידער ווען ער האט געשפירט אויף די אייגענעביינער די ביטערע טעם פון א טאטע וואס מוטשעט זיך מיט קינדער, און געזען אז עס איז ממש א פעלד וועלכע ס'איז נישטא צו וועמען צו רעדן, האט ער גענומען זיין פריוואטע צרה און עס פארוואנדלט אלס א שטראל פון ליכטיגקייט פאר אזויפיל טייערע עלטערן וואס טרעפן ביי אים א הילפ'ס-ברעט וואס ראטעוועט זיי ארויס פון די שטורעמישע וואסערן.

נישט לייכט איז געווען צו האבן ר' גדלי' אויף א שמועס. זיינע עטליכע טעג וואס ער האט געוויילט דא אין לאנדאן זענען געווען אנגעפילט מיטן מסדר זיין די דרשות פאר די הונדערטער עלטערן און מחנכים, ווען אלע אנדערע שעות זענען געווארן אויסגענוצט צו זיצן מיט עלטערן פריוואט און זיי געבן די ריכטיגע בליק, מהלכים, און ראט וואס יא אדער נישט צו טון אין פאל פון קריזיס. אבער נאכן הערן אז אן ארטיקל איבער די נושא וועט ברענגען אויפמערקזאמקייט און חיזוק פאר פילע וואס גייען אדורך - אדער זענען ביים שוועל - פון אזא קריזיס, האט ער מסכים געווען אין א שפעטע נאכט שעה מיך אויפצונעמען און מיטטיילן איבער די מהפכה וואס ווערט גערופן "קשר נפשי".

"קשר נפשי" איז זיין לעבנ'ס מיסיע. ער זעט דאס נישט ווי קיין ארגאניזאציע וואס העלפט א רבים נאר גאר ווי א רעטונג'ס הילף פאר יעדע יחיד וואס ווענדט זיך צו אים. ער האט דאס אויפגעשטעלט מיט זיינע צען פינגערס און געבט אוועק פאר דעם זיין גאנצע וועזן. ביי אים איז דאס א צרה וואס ער האט געשפירט אויף די אייגענע ביינער, און ער האט דאס אוועקגעשטעלט צו געבן פאר כלל ישראל א זאך וואס ער האט נישט געהאט.

אבער וואס דארף מען מאריך זיין מיט הקדמות אין די צייט וואס מ'קען איבערגעבן פאר ר' גדלי' דאס ווארט:

## דאס איז פיקוח נפש ממש

"מיר רעדן נישט בלויז וועגן אידישקייט," זאגט מיר ר' גדלי' עטליכע מאל אינמיטן דעם שמועס. "דאס זענען זאכן וואס גרעניצן זיך מיט פיקוח נפש ממש!

"די רעדע איז פון קינדער וואס קומען ליידער אן אויפן גאס און טרעפן זיך דארטן אָן מיט די אלע געמיינקייטן און סובסטאנצן וואס די גוי'אישע וועלט האט צו מציע זיין וואס האט שוין ליידער פארשניטן אזויפיל אידישע לעבנ'ס - פשוטו כמשמעו אן קיין גוזמא."

פארגאנגענעם תשעה באב תשפ"ג העעל"ט, די טאג וואס כלל ישראל האט באוויינט דעם ביטערן חורבן, האט זיך ר' גדלי' געעפנט זיין הארץ און אלס א שופר פאר טויזנטער עלטערן וואס גייען אדורך אט דעם שרעקליכן קריזיס האט ער זיך געלאזט הערן זיין פערזענליכע געשיכטע אויפן קול מבשר תשעה באב פראגראם.

ר' גדלי' האט אויפגעטראטן בשם די אלע עלטערן וואס באוויינען זייער אייגענעם חורבן הבית און זיי שרייען "בני בני היכן אתם" און דארט האט ער פארציילט האר-אויפשטעלנדע געשיכטעס פון וויפיל לעבנ'ס די גאס האט שוין ליידער פארשניטן. לעכטיגע אידישע קינדער, זין און טעכטער, וואס זענען נעבעך ארויסגעפאלן פון כלל ישראל און זענען נעבעך פארוואנדלט געווארן אין גייענדיגע שאטנס, צעבראכענע נפשות וואס האבן געמיינט אז זיי וועלן טרעפן די גליק ערגעץ וואו איבער די וועלט און צום סוף איז נעבעך זייער יונגע לעבן פארשניטן געווארן געמיין און טראגיש אויף שרעקליכע אופנים וואס די פאפיר קען נישט סובל זיין צו פארנעמען.

דאס אלעס האט אים געברענגט צו די מסקנא אז "קשר נפשי" איז נישט בלויז נאך אן ארגאניזאציע, נאר איז זאגאר עוסק אין הצלת נפשות. "ווען מ'געבט פאר די עלטערן די ריכטיגע עצות וויאזוי זיך צו פירן, ראטעוועט מען פשוט זייערע לעבנ'ס," זאגט מיר ר' גדלי'.

עס איז קיין ספק אז זינט "קשר נפשי" איז געווארן א פאקט האבן זיך זאכן געטוישט אין דעם הינזיכט און מיט די ריכטיגע דעת תורה וואס ווערט געגעבן פאר יעדן איינעם פון די עלטערן האט מען אסאך באוויזן צו ראטעווען.

## משפחת "קשר נפשי"

איידער מיר גייען צום שילדערונג וואס "קשר נפשי" האט געברענגט צום טיש, געבן מיר איבער דאס ווארט פאר ר' גדלי', אז ער זאל אונז פערזענליך מיטטיילן זיין אייגענע פיינפולע געשיכטע פון וועלכע ער

האט מקיים געווען דאס וואס מ'זאגט ימים נוראיםביים דאווענען: "אורות מאופל אמר ויהי", ווען פון די גרעסטע חשכות האט ער ארויסגעשיינט א ליכט שטראל מיטן נאמען "קשר נפשי".

"ליידער האב איך אויף מיינע הויט אליינס געשפירט די שרעקליכע טעם פון אזא דורכגאנג, ווען צווישן די יארן תשע"ה און תשע"ז האב איך ממש געדראפעט אויף גראדע ווענט ווען מ'האט געשפירט די קללה פון 'תרבות רעה בתוך ביתו של אדם', וואס די גמרא זאגט אויף דעם אז דאס איז ערגער ווי מלחמת גוג ומגוג...

"איך בין דאן ארומגעלאפן פון מומחה צו מומחה אבער געפילט אז קיינער האט נישט ארויס דעם ענין און קיינער איז נישט געקומען מיט קיין לעזונג צום טיש. ביז דער אויבערשטער האט מיך געהאלפן אז איך בין אנגעקומען צום טיר פונעם גאר גרויסן מומחה ר' אבי פישהאף פון פלעטבוש וואס האט מיר בעז"ה געפירט אויפן ריכטיגן וועג."

אמר הכותב, ר' אבי פישהאף איז היינט ברייט באקאנט איבער די וועלט אלס איש חכם ונבון ווען ס'קומט צו אט די אלע ענינים. פילע גדולי ישראל פון די היימישע קרייזן ווייסן צו שיקן צו זיין אדרעס און ער האט שוין זוכה געווען צו העלפן הונדערטער אידן, און זיין מהלך האט שוין אפגעראטעוועט הונדערטער אידישע קינדער פון א טאטאלע אונטערגאנג און פון פארלוירן ווערן אויף אייביג, און טאפלט אזויפיל משפחה קשרים פון ווערן אפגעהאקט מיט פיין און לייד.

"דורכגיין אזא פרשה איז שווער פיזיש און נאכמער גייסטיש, עס קען אזויפיל אפעקטירן זיך, די בני בית און די משפחה, ביז מען הייבט אן זען פיזישע טוישונגען. דעמאלט האבן מיר מחליט געווען אז אין צוגאב צו די דעת תורה און הדרכה וואס מען באקומט, דארפן עלטערן גאר וויכטיג א 'סופארט גרופע' וואו מען איז זיך מחזק איינער דעם צווייטן, וואו מען הערט אויס יענעמ'ס שווערע מצבים אדער יענעמ'ס הצלחות, און זיך אויסטוישן אינפארמאציע איבער דעם נושא וואס קען צוניצקומען פארן צווייטן.

> היינט קען מען רואיג זאגן אז די מיסיע האט סוקסעספול דערגרייכט איר ציל, ווען "קשר נפשי" איז פארוואנדלט געווארן ווי א גרויסע משפחה פון הונדערטער עלטערן איבער די וועלט וואס זענען זיך מחזק איינער דעם צווייטן

"דאס זיין א חלק פון א חבורה וואו יעדער מיטגליד מוטשעט זיך מיט דעם זעלבן פראבלעם, דאס זיין א חלק פון א קהלה וואס האט דעם איינעם דבר השוה לכל נפש פון די מיטגלידער, דאס איז לעבנסוויכטיג פאר די עלטערן, אבער עס איז נישט געווען אזוינס דערווייל ביים היימישן ציבור. - אט דאס האט אונז געברענגט צו גרינדן דעם ארגאניזאציע."



הרב שמעון ראסעל ביי זיין אויפטריט ביים צענטראלן קשר נפשי אווענט אין לאנדאן פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו



הרב גדלי' מיללער ביי זיין אויפטריט ביים צענטראלן קשר נפשי אווענט אין לאנדאן פאר די חשוב'ע עלטערן שיחיו

היינט קען מען רואיג זאגן אז די מיסיע האט סוקסעספול דערגרייכט איר ציל, ווען "קשר נפשי" איז פארוואנדלט געווארן ווי א גרויסע משפחה פון הונדערטער עלטערן איבער די וועלט וואס זענען זיך מחזק איינער דעם צווייטן. מ'האט גענומען א צרת יחיד און פארוואנדלט צו א צרת רבים חצי נחמה.

ביז היינט ווען א משפחה איז ליידער אדורך אזא שוועריגקייט זענען זיי געווען אליינס איבער די וואסער. צומאל האט מען זיך גאר געשעמט צו ווייזן די פנים אין גאס. מ'האט געפילט ווי מ'טרענקט זיך איינער אליין אין די מים הזידונים. "קשר נפשי" שרייט: ביסט נישט אליין! עס איז דא הילף! עס זענען דא עצות, עס איז דא חיזוק, עס איז דא נאך וואס גייען דאס אדורך. לאמיר זיך אינאיינעם אנכאפן און האנט ביי האנט אריבערגיין די שוועריגקייטן ביז ווען מ'זעט זיך אל המנוחה ואל הנחלה.

## ס'פאדעמט זיך א 'קשר'

קשר נפשי איז אויסדרוקליך נישט געבינדן צו דעם מהלך פון ר' אבי פישהאף, עס איז דייקא א משפחה ווי עס איז נישט דא קיין אייגענער מהלך, נאר איין ציל: אנהאלטן א שטארקן קשר מיטן קינד, יעדער לויט דעם מהלך און דעת תורה פון זייער וועגווייזער. "מיר מאכן נישט קיין הייקעלע החלטות, מיר זענען נישט קיין דיינים, מיר זענען נאר דא ארויסצוהעלפן בינדן נאנטע קשרים מיט די קינדער."

נאכן קומען צו די החלטה אז זיין פערזענליכע געשיכטע מוז ווערן א הילפס ברעט פאר אנדערע עלטערן, און אז א סופארט-גרופע איז ממש לעבנס וויכטיג.

האט דאס ר' גדלי' גענומען צום נעקסטן שטאפל. די ליניע צווישן אומר און עושה איז געווען ביי אים זייער א קורצע..

ר' גדלי' האט צוזאמגענומען עטליכע עלטערן פון קינדער וואס האבן אוועקגעגליטשט און געמאכט א גרופע וואו איש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק. כדי צו מאכן א כלי פון די התעוררות האט מען באלד גענומען פלאנירן דעם ערשטן צוזאמקום, א צוזאמקום בלויז לשם חיזוק איינער פארן צווייטן, נישט חלומ'ענדיג אז פון דעם וועט ארויסקומען אין אזא קורצער צייט א מהפיכה גדולה אין די וועלט פון נושרים און זייערע עלטערן, און נאך ווייניגער האט ער גע'חלומ'ט אז ער וועט עוסק זיין דערין רוב שעות אין טאג, און אויך ביינאכט, געבנדיג הדרכה און עצות פאר אזויפיל פארפעלקער.

כדי צו האלטן די זאך די מערסטע פריוואט האט מען באקומען פון איינעם א פריוואטע הויף אין דער מאנטיבעלא געגנט אין מאנסי נעבן א וואלד וואו מען האט אנגעגרייט פלאץ פאר בערך צען מענטשן. אויף אזויפיל האט מען זיך גערעכנט. איינער האט געברענגט עפעס עסן, א צווייטער האט געברענגט די צוגעהערן, א דריטער עסצייג, און ס'איז געווארן א פארברענג.

אבער וואס איז געשען יענער נאכט איז געווען דער אנהייב פון אן ערשיינונג וואס האלט נאך אין איין וואקסן פון יאר צו יאר. אנשטאט די געשאצטע צען טאטעס, זענען אנגעקומען העכער פינף און זיבעציג! דאס אליין האט גערעדט פאר זיך אליין, אדער אייגנטליך געשריגן הויך אז מ'קען נישט ענדיגן מיט דעם, מען מוז נעמען די זאך ווייטער, ווייל די געברויך און וויכטיגקייט דערפון איז אין לשער.

מען האט נאך יענער נאכט אנגעהויבן פלאנירן א מלוה מלכה אויף אביסל א גרעסערן פארנעם, מיט א געשאצטע באטייליגונג פון צווישן פינף און זיבעציג, ביז א מאקסימום פון הונדערט פלעצער. פאר דעם צוועק האט מען געטראפן א חב"ד שול אין טענאפליי, ניו דזשערזי, וואו דער ארטיגער חב"ד רב האט געגעבן א זאל פאר א ביליגן פרייז, ר' אברהם באנדא פון פאמעגרענעט גראסערי האט געגעבן די עסנווארג, ר' גדליי'ס טאכטער האט אויסגעשטעלט דעם אווענט, ר' אברהמי קליין האט אסאך צוגעהאלפן און געגעבן א פיינעם שטופ אויף ווייטער, עטליכע פרויען וואלונטירן האבן גענומען אויף זיך צו רופן בעקערייען פאר מזונות, און די מלוה מלכה איז געווארן א מציאות. - אלעס איז געווען אזוי היימליך אהערגעשטעלט אן אריינגיין אין קיין איבעריגע הוצאות, אבער ס'האט גהאט אלע טעמים..

איין זאך איז למעשה געגאנגען אנדערש ווי געפלאנט, ווען אנשטאט די געשאצטע הונדערט אידן זענען אנגעקומען צוויי הונדערט און פופציג...

דעם נעקסטן יאר האט מען געמאכט א שבת אין די ראלי האטעל מיט דער השתתפות פון עטליכע הונדערט מענטשן. א יאר שפעטער אין קראון פלאזא האטעל מיט נאך מער נפשות. און אזוי איז עס געגאנגען אין בלויז דאס ביסל געציילטע יארן ביז יעצט, ווען דעם פארגאנגענעם ווינטער - דער צענטער שבת זינט דעם אנהייב דארט אינעם הויף - האבן זיך באטייליגט 950 מענטשן, אריינגערעכנט העכער 400 פארפעלקער!

די נומערן זענען ווייטאגליך צו הערן, אבער איז א פאקט. - מזל טוב כלל ישראל! "קשר נפשי" איז געווארן א חלק פון דיין אידענטיטעט.

## דער יום "שבתון" אין לשכוח

"דו האסט נישט קיין השגה וואס דער שבת טוט צו מענטשן," טיילט מיט אונז דער מייסד ועומד בראשה פון 'קשר נפשי'. "עלטערן וואס קומען דאס ערשטע מאל האבן נישט קיין אנונג וואס צו ערווארטן. מען קומט פארמאכט, פארשעמט און באזארגט; ווער נאך גייט דא זיך דערוויסן פון אונזער צרה? וועלן מיר זיך קענען באהאלטן?

"מען ווערט אנטפאנגען ביים אנקומען דורך א שטאב פון געטרייע קשר נפשי וואלונטירן (וואס זענען זעלבסט אינעם זעלבן פעקל) בסבר פנים יפות און מיט א שמייכל. דערנאך טרעפט מען קשר נפשי תושבים, וואס געבן שלום עליכם מיט א שמייכל און די אנגעצויגנקייט ווערט צעגאנגען און איבערגענומען מיט רואיגקייט און שמחה. אזוי ווערט דער יום "שבתון" אלס אַן "אין לשכוח"!

"אין משך פונעם שבת זיצן, עסן און באגעגענען זיך עלטערן מיט אזויפיל אנדערע מענטשן אין די זעלבע פרשה און מען איז זיך מחזק. מען דערציילט, שמועסט, לאכט און וויינט. ועל כולם נעמט מען עמערס פון עצות מיט א קלארקייט פון די צענדליגער לעקציעס און דרשות ווייטער צו טון די ריכטיגע זאך אויף די ריכטיגע וועג, אנהאלטן די קשר מיטן קינד דאס מערסטע שייך."

> **אין משך פונעם שבת זיצן, עסן און באגעגענען זיך עלטערן מיט אזויפיל אנדערע מענטשן אין די זעלבע פרשה און מען איז זיך מחזק. מען דערציילט, שמועסט, לאכט און וויינט. ועל כולם נעמט מען עמערס פון עצות מיט א קלארקייט**

אין די ווייבער שול איז די מצב גארנישט ווייניגער. דאנערשטאג נאכט קומט פאר א גרויסע 'חלה באקן' וואו מען פארעמט חלות און קשרים מיט די קינדער מיט א גרויסע פראגראם. מען באשטעלט א טרענירטע פרוי וועלכע זיצט אויף יעדע טיש ביים שבת סעודה און עפנט אויף הערצער. אזוי הערט איינע פונן די אנדערע זייער געשיכטע און ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען די סוקסעס חלק און די דורכפעלער.

די גרעסטע מומחים אין דעם געביט וואס אונזער דור איז באשאנקען געווארן זענען שוין געקומען פאר שבת אויפטרעטן מיט דברי הדרכה ותושיה, אריינגערעכנט הרב שמעון ראסעל, הרב פינחס פריעדמאן, הרב חיים אהרן אונגאר, הרב מרדכי וויינבערגער, הרב שמעון גרין, הרב י"י יאקאבזאן, הרב שלום קעסלער, הרב אהרן פרידמאן, הרב שלום נח לאנדא, הרב יום טוב גלאזער, הרב פינחס יונג, הרב יוסף חיים לייפער, און נאך צענדליגער ריזיגע מומחים אין דעם תחום, סיי מרביצי תורה און סיי טעראפיסטן, א גרויסע חלק פון זיי וועלכע האבן שייכות צו דעם פרשה פונדערנאנט. אזוי אויך איז מהנה במילתא דבדיחותא הרב אייזיק לייב מיללער בן הרב מיארמע והגלילות שליט"א.

דורכאויס די טעג פון שבת און ערב ומוצאי, וועלן די טעראפיסטן און רבנים זיין גרייט פאר סיי וועם און סיי וועלכע שאלות מען האט. יעדער וואס קומט האט א געלעגנהייט צו באקומען אומזיסטע טעראפי סעשאנס און קלארע הוראות און הדרכות פון די גרעסטע מומחים אין דעם נושא.

ר' גדלי' וועט פערזענליך איינלאדענען עלטערן וועמען ער ווייסט אז די שבת וועט זיי ארויסהעלפן אין זייער מצב מיט אן אפגעפארן קינד אין שטוב, ער וועט מיט זיין חכמה זען אז דער און יענער זאל קומען ווייל ער האט איין זאך פאר זיינע אויגן; העלפן נאך א פארפאלק און נאך א פארפאלק, זיי זאגן וואס באמת גייט פאר און ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן דערמיט, און די נעקסטע נאך זיי צו ווערן א געהאלפענע איז דאס קינד, אויף וועמען מ'וועט פארלייגן אלע כוחות אים



הרב גדלי' מיללער ביים מיטינג אין הויז פון הרה"ג ר' שמעי' לעוו שליט"א דומ"ץ סאטמאר



מנהלי קשר נפשי אין א שמועס מיטן דיין הרה"ג ר' מאיר מארקאוויטש שליט"א



הרב גדלי' מיללער אין א שמועס מיט הגה"צ ר' משה מנחם ווייס שליט"א אבד"ק סאטמאר לאנדאן

צו העלפן און ראטעוועון פון זיין שווערע דורכגאנג אויפן בעסטן וועג וואס איז שייך.

## בחבלי עבותות אהבה

איינע פון די שרעקליכסטע דילעמעס און ספיקות וואס עלטערן האבן ווען עס קומט צו די נושא ווען א קינד גייט נישט אויפן ריכטיגן וועג ל"ע, איז די שאלה וויאזוי מען זאל זיך באגיין מיטן קינד. מ'דארף האבן חכמת שלמה אויפצופאסן נישט אוועקצורייסן פון זיך א שטיק בלוט און פלייש און אין די זעלבע צייט נישט אריינצושטעלן די אנדערע קינדער אין שטוב אין א סכנה פון ווערן נאכגעשלעפט ה"י.

ר' גדלי' זאגט אונז נאך פונעם בארימטן דר. ראביי בן ציון טווערסקי וואס פילע לייסטונגען אינעם געביט פון חינוך אין קריזיס איז פארשריבן אויף זיין נאמען, אז ער זאגט שטענדיג אז ער איז מורא'דיג מחולק אויף די וואס האלטן אז מ'דארף אזעלכע קינדער לאזן אין שטוב און געבן אומבאגרעניצטע ליבשאפט, אבער וואס זאל מען טון אז קיין צווייטע אפציע איז נישטא, און דעריבער דארף מען דאס טון עד הסוף ממש.

ווען עס קומט אונטער אזא סיטואציע, ווערט די ערשטע זאך זיין אז מ'וועט שיקן די עלטערן צו פרעגן דעת תורה וויאזוי זיך אומצוגיין מיטן קינד און צי מ'זאל האלטן קשר אדער גאר האלטן אינדערהיים און נאר נאך וואס דעת תורה וועט פסק'נען די וועג וויאזוי זיך צו פירן וועלן זיי דינען ווי א פרוזדור אויסצופירן די ריכטיגע מהלך.

„קשר נפשי" איז די וועג ווייזער וויאזוי מ'קען ארויסווייזן די ריכטיגע ליבשאפט צו א קינד, טראץ וואס פון אויבן אויף קוקט אויס ווי דאס קינד ברענגט הויפענעס צער און עגמת נפש פאר די עלטערן.

„ווען א קינד איז נישט געזונט, ער האט א שווערע מחלה ל"ע, פארשטייט יעדער אז די קינד איז נישט דא צו פייניגן זיינע עלטערן," זאגט מיר ר' גדלי'. „די זעלבע איז מיט די סארט קינדער. זיי זענען נעבעך אין א גייסטישע שוועריגקייט, זיי האבן ווי געבינדענע הענט, ס'איז כמעט נישט בידם, די מצב איז זיי ענג און דעריבער טוען זיי וואס זיי טוען.

„ווי מער א קינד, א בחור אדער מיידל, ווערט טון נארישקייטן, אלס מער איז דאס א צייכן ווי צעבראכן און צעמישט דאס קינד איז. יעדעס מאל וואס די קינד טוט עפעס א זאך וואס זעט אויס ווי 'דוקא' צו ווי טון, איז דאס ווייל דאס קינד איז צעקלאפט און צוזעצט אין זיך אליינס און געבט זיך ארויס אויף אזא וועג."

ר' גדלי' רעדט פון א שטאנדפונקט וואס קומט פונעם בליק וואס חז"ל זאגן אונז אז 'אין חכם כבעל הנסיון', און אויסער זיין אייגענעם פראקטיק ביי זיך אינדערהיים, האט ער שוין היינט-צו-טאג'ס די חכמה און פארשטאנד וואס קומט מיט פון באגלייטן אזויפיל עלטערן אין שווערע מצבים פון קריזיס און די איינציגסטע וועג וואס ער זעט פאר א תכלית וואס קען זיי העלפן איז פשוט צו געבן פאר די קינדער א געוואלדיגע אומבאגרעניצטע ליבשאפט וואס זאל זיי אביסל היילן די שרעקליכע פיין און ליידן מיט וואס זייער גייסטישע צושטאנד און זייער נפש מוטשעט זיך.

„די טערמין 'אומבאגרעניצטע ליבשאפט' מיינט נישט אז דו זאגסט פארן קינד אז דו מעגסט טון וואס דו ווילסט," פילט ער פאר וויכטיג קלארצושטעלן. „די קינד טוט ליידער סיי ווי וואס זיין אומגעזונטע נפש דיקטירט אים. דו אלס טאטע אדער מאמע דארפסט אים אבער געבן גענוג צייטן וואס דו ווייזט אים ארויס אז דו טראכסט פון אים; האלטן א קשר מיט אים. געב אים חיזוק אז ער האט אפענע ארעמעס זיך צוריקצוקערן. ווייז אים ארויס אז עס זענען דא ווארעמע עלטערן וואס נעמען אים ארום און קוקן ארויס אויף זיין הצלחה, און נאר אזוי האט מען א האפענונג אז דאס קינד וועט זיך כאפן און וועלן צוריקקומען."

ר' גדלי' ווייזט מיר צו די שטיקל ספר התניא אין פרק ל"ב וועלכע רעדט ארום איבער דעם ענין פון הוכח תוכיח את עמיתך און דאס וואס די גמרא זאגט אז מען דארף פיינט האבן א בעל עבירה, ער זאגט אז דאס איז נאר ווילאנג יענער איז אזוי ערליך ווי דיר און ווען דו זעסט א חלק הרע שבו זאל מען אים מוסר'ן און פיינט האבן די צד הרע שבו.

אבער אויב יענער איז ווייט פון די מדריגה

# "קשר נפשי" אין ענגלאנד ווערט א פאקט

## די ברייטע פעולות - כסדר'דיגע אסיפות - חיזוק פאר עלטערן

פארגאנגענעם זומער האט מען ענדליך געגרינדעט אין לאנדאן א פליגל פאר די אלוועלטליכע 'קשר נפשי' ארגאניזאציע, נאך וואס די ביטערע אומגליק וואס טרעפט ליידער אידישע הייזער האט נישט איבערגעהיפט אויף אונזער שטאט לאנדאן.

אנגעהויבן האט זיך עס ווען עטליכע גאר חשוב'ע עסקנים, צווישן זיי אזעלכע וואס האבן דעם נסיון פון דער נאנט, האבן זיך ארייגעלייגט אינעם פראיעקט און איבערגעפלאנצט דעם ארגאניזאציע פאר אונזערע קהילות.

עס איז געווען דינסטאג פר' בלק תשפ"ג ווען עס איז פארגעקומען אן אסיפה בבית **הגאון הגדול רבי יוסף פאדווא שליט"א ראש הדיינים דהתאקה"ח** ביי וועלכע די מנהלים און עסקנים פון קשר נפשי אין אמעריקע אינאיינעם מיט די עסקנים פון קשר נפשי אין ענגלאנד האבן באשלאסן אז עס איז צייט אהערצושטעלן אזא ארגאניזאציע פאר אונזער היימישע אידנטום.

צומארגנס איז פארגעקומען אן אסיפה פאר רבני עירנו שליט"א אין די אפיסעס פון די צענטראלע קהלה התאחדות קהלות החרדים ביי וועלכע עס האבן אויפגעטרויטן מיט דרשות הרב גדלי' מילער שליט"א מייסד און מנהל פון קשר נפשי און הרב שמעון ראסעל שליט"א דער יחיד מומחה ווען עס קומט צו די נושא פון קינדער וואס געפינען זיך אין א חינוך-קריזיס. אזוי אויך האט גערעדט איינער פון די גאר חשוב'ע עסקני עירנו וואס האט איבערגעגעבן פאר די רבנים שליט"א אביסל פון די פאקטן און ציפערן וואס טוט זיך ל"ע אויף די לאנדאנער גאסן ה"י.

די רבנים שליט"א זענען געווען גאר ווארעם צו די געדאנק און כולם פה אחד האבן געגעבן זייער ווארימע הסכמה אויף די ניי-געגרינדעטע ארגאניזאציע וואס אין בלויז די קורצע צייט האבן זיי באוויזן אויפצוטון גדולות ונצורות.

אין די אוונט שטונדן איז פארגעקומען אן אסיפת מחנכים אינעם עדן זאל וואו די עסקנים שליט"א האבן אויפגעטראטן פאר די מחנכים מיט גאר שטארקע דברי הדרכה וויאזוי מ'דארף זיכער מאכן אז קיינער פאלט נישט ארויס ח"ו און וואס זענען די ערשטע סימנים אויפצוכאפן א קריזיס. די שיעורים פאר די מחנכים האט אנגעהאלטן א משך פון איבער פיר שעה ביי וועלכע די מחנכים זענען געזעסן און געשלינגען מיט דארשט יעדעס ווארט.

דעם קומענדיגן אינדערפרי איז פארגעקומען א לעקציע פון עטליכע שעה געפלאכטן מיט דברי חיזוק והדרכה פאר איבער הונדערט עלטערן וואס האבן אנטייל גענומען אין די פראגראם און האט פשוט אויפגעלאכטן די אויגן פאר די צעבראכענע עלטערן וואס גייען אדורך אזא מצב.

דאס זעלביגע האט זיך איבערגע'חזר'ט עטליכע וואכן דערויף, ווען פארגאנגענעם א' סליחות איז ר' גדלי' מילער מיט ר' שמעון ראסעל געקומען נאכאמאל צו פארן און ממשיך געווען די סעריע שיעורים פאר די מחנכים און עלטערן. כמעשיהם בראשונה כך מעשיהם בשניה ביתר שאת.

אזוי אויך איז פארגעקומען אן אסיפה נחוצה אין שטוב פון **הגאון הצדיק רבי שמעי' לעוו שליט"א דומ"ץ סאטמאר** ביי וועלכע עס זענען צוזאמענגעקומען פילע נכבדי עירנו און זיי האבן געהערט א באריכט פון די עסקנים איבער די פילע עלטערן וואס זוכן הילף פאר זייערע קינדער און אז די פרנסי העיר דארפן זיך זארגן פאר די וואוילזיין פון אט די פאמיליעס.

עס איז נישט געווען קיין טרוקן אויג ווען מ'האט געהערט פערזענליכע שילדערונגען פון עלטערן וואס גייען נעבעך אדורך דעם גיהנם אויף די וועלט און האבן מיטגעטיילט וואס קשר נפשי האט מיט זיי שוין אלס געטון.

אצינד צום נייעם יאר, פראקלאמירט קשר נפשי אין ענגלאנד זייער מיסיע, צו קענען מחזק זיין נאך עלטערן און זיי באגלייטן און העלפן אין צייט פון קריזיס.

הושענא פירות משדפון, הושענא.



די וויכטיגע אסיפה פארעקומען דורך קשר נפשי פאר פילע לאנדאנער רבנים, דיינים ומחנכים שליט"א

- שרייבט דער תניא - דארף מען יענעם צוציען צו זיך '**בחבלי עבותות אהבה**'! און ער ענדיגט צו אז 'אפשר אזוי וועט מען אים קענען מקרב זיין צו תורה ומצוות. אבער אפילו אויב נישט האט מען כאטש פארדינט



ראבי בן ציון טווערסקי שליט"א ביי איינע פון די קשר נפשי צוזאמקומען



דעשעשער רב שליט"א אויפטרעטנדיג ביי איינע פון די קשר נפשי צוזאמקומען



המשפיע הרב מוטה פראנק שליט"א ביי איינע פון די קשר נפשי צוזאמקומען

די מצוה פון אהבת ישראל'. און דאס וואס די גמרא זאגט אז מען דארף פיינט האבן א בעל עבירה, דאס איז בלויז די חלק עבירה שבו, אבער אים אליין דארף מען ליב האבן אהבת נפש און מקרב זיין נאכמער.

"מיר אלע גלייבן אז די קינדער זענען געגעבן געווארן פונעם זעלבן באשעפער וועלכער האט געהייסן זיין א 'שוחרו מוסר', און **מיר ווייסן פונקט אזוי אז ס'איז נישט בידינו וואס איז געשען און וואס וועט געשען, נאר ווי אזוי מיר זאלן אנהאלטן די קשר** און מיט דעם האבן מיר א גרעסערע טשאנס אז דאס קינד זאל איין טאג בעזשי"ת צוריקקומען צו תשובה שלימה."

## קיין שולד געפיל

ר' גדלי'ס טיר ווערט נישט פארמאכט ווען א אידישע טאטע און מאמע בעטן זיך מען זאל זיי אויסהערן און זאגן וואו צו גיין און וואס צו טון. זאל עס זיין אינמיטן די נאכט, אדער פינף שעה אין א צי א קורצע ווינטער ערב שבת, ר' גדלי' איז דא פאר יעדעם, ווייל יעדער פון אט די עלטערן דארפן אים.

די נושא איז ביי אים היינט זיין באשעפטיגונג רוב שעות אין טאג, טראצדעם וואס ער איז געווען א מוצלח'דיגער בעל הבית פאר העכער צוואנציג יאר, אנגעהויבן מיט זיין א סעילס מאן פאר מעטלייף פינאנציעלע סערוויסעס, פון דארט צו א גאר גרויסע פאזיציע אין די ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאני און נאכדעם א סעילס מאן פאר מעסס-מיטואל אינשורענס. "איך האב טרענירט צענדליגער גאר מוצלח'דיגע יונגעלייט, טייל וועלכע זענען היינט גרויסע מיליאנערן." אבער קשר נפשי עולה על גביהן, אלעס האט ער אויפגעגעבן צו זיך אוועקגעבן פארן כלל וועלכע לעכצן לעכטיג צו מאכן זייער טונקעלע שטוב.

"איך האב צוויי עיקר כללים ווען איך נעם אויף מענטשן, איינס אז אז די זייגער קומט נישט אריין ביי אונזער מיטינג, און די צווייטע איז אז איך בעט נישט קיין געלט, טראצדעם וואס כ'קען עס נוצן." ער איז דא פאר די זאך, און וויל נישט איינער זאל טראכטן צוויי מאל ווען ס'קומט צו דיני נפשות.

עלטערן קומען אריין צו אים צעמישט, און מיט רעכט. ביז היינט איז אלעס געפארן אויף די רעלסן אזוי ווי מען האט מער ווייניגער געוואלט, מען האט געשעפט נחת און ליב געהאט די קינדער, און פלוצלינג הייבט זיך אן ארויסווייזן גאר אנדערע הנהגות ביי א קינד. ע"פ רוב וועלן צוויי זאכן דעמאלט געשען; איינס אז מען ווייסט נישט ווי אזוי זיך אן עצה צו געבן ביחס צום קינד, צווייטנס אז מען הייבט זיך אן צו אָנעסן מיט שולד געפילן. ביידע געשעענישן צוזאמען מאכן די קשר מיטן קינד א וואקלדיגע, און די גאנצע שטוב קען זיך מיטוואקלען מיט דעם.

"די ערשטע זאך וואס כ'וועל טון, רוב מאל פארנעמט דאס א גוטע שעה צוויי, איז אויסהערן די עלטערן פונקטליך וואס איז געשען, וואס געשעט יעצט, און בעיקר וואס איז געווען מיטן קינד אלע יארן פון ווען דאס קינד איז אראפגעקומען אויפן וועלט," האט ער זיין אויסגעטרויטענע וועג וואס טוישט לעבנס מיט די הילף פון די עלטערן אליין.

רובא דרובא פון פעלער מיט פראבלעמען פון קינדער וועלכע גליטשן קומען פון א דורכגאנג וואס איז געשען מיטן קינד וועלכע האט בדרך כלל נישט קיין שייכות מיט די עלטערן. זאל עס זיין אז דאס קינד איז געווארן געבולי'ט, געפאַלן א קרבן צו אן אומגעזונטע פערזאן, לערנען שוועריגקייטן, און נאך. "ס'איז כמעט נישט דא קיין קינד וואס האט נישט געהאט גארנישט פראבלעמאטיש אלס קינד און האט מחליט געווען צו גיין אויף די אומריכטיגע דרך," זאגט ער פון זיין ערפארונג.

דאס איז די ערשטע זאך וואס ער וועט וועלן דערגיין און מסביר זיין פאר די עלטערן; עפעס איז געשען מיט אייער קינד ווען ער/זי איז געווען יונגער און דערפאר האלט מען ביי דעם מצב. עס האט גארנישט צו טון מיט די עלטערן אז מען זאל זיך בכלל מעגן פילן שולדיג אין דעם, לא מיניה ולא מקצתיה.

די צווייטע זאך וואס ער איז מסביר די עלטערן איז - ווי אויבן געשריבן - אז זייער קינד איז נישט קיין להכעיס'ניק, ער איז פשוט נעבעך עפעס אדורך, די נפש רוח ונשמה זענען צעשאקלט און דאס קינד אליין ווייסט פשוט נישט ווי אזוי צו שטיין אויף גראדע פיס.

ר' גדלי' וועט אייביג פרעגן די עלטערן די זעלבע שאלה: געב דיין קינד א בחינה פון הונדערט שאלות וועגן דיין חינוך סיסטעם אין שטוב, למשל וועלכע קאפל דו פארלאנגסט, וועלכע זמירות מען זינגט, וועלכע זינגערס מען מעג הערן און נישט הערן, וועלכע ביכער מען מעג אריינברענגען, מיט וועלכע סארט חברים מען מעג זיך דרייען, וכו' וכו', וויפיל שאלות מיינסטו אז דאס קינד וועט באקומען גערעכט? די ענטפער איז... 100!!!....

"דאס קינד ווייסט פונקטליך וואס מען וויל פון אים און וואס מען וויל נישט זען ביי אים, ער דארף נישט קיין מוסר דרשות יעדן טאג, ער קען עס נאך אזוי גוט ווי דיר. ער

פארזעצונג אויף זייט 104

באשבתבאמנוחה

# הונדערטער היימישע עלטערן וועלן אנטייל נעמען ביים אומפארגעסליכע און דערהויבענע שבת קודש אין הייליגן שטאָט קערעסטיר קומענדיגן שבת לך לך תשפ"ד הבעל"ט

**זכות אבות יגן עלינו** – נסיעה צו מקומות הקדושים קערעסטיר, אוהעל, קאלוב, צאנז, ליזענסק, קראקא ועוד
**שבת קודש בצל כנפיך יחסיון** – אתרא קדישא קערעסטיר פולקאם גרייט צו פראוועגען דעם דערהויבענעם שבת
**וזכנו לגדל בנים** – רייכע פראגראם פון דרשות און שיעורים ריכטיגע אנווייזונגען פאר עלטערן פון קינדער
**לשובע ולא לרזון** - נאראהאפטיגע מאכלים - מיטן היימישן געשמאק, דורכאויס די גאנצע נסיעה

די שבתים וואס קשר נפשי פראוועט פאר די פילע עלטערן זענען שוין היינט צו טאג'ס ברייט באוואוסט אין די גאנצע וועלט אז זיי האבן געברענגט צום טיש א חידוש וואס איז ביז היינט נישט געוועז. נעמליך, אז די עלטערן פון קינדער אין חינוך-קריזיס זענען געווארן פאראייניגט ווי קיינמאל בעפאר.

אצינד גרייטן זיך די הונדערטער עלטערן פון קשר נפשי גלאבאל, אריינגערעכנט די צענדליגער עלטערן פון דא אין לאנדאן צו מיטהאלטן א גאר דערהויבענעם שבת קודש אין אתרא קדישא קערעסטיר בצילא דמהימנותא פון די ציון הקדוש של האי אוהב ישראל סבא קדישא הרה"ק ר' ישעי'לע קערעסטירער זי"ע וואס דער הייליגער דברי חיים זי"ע האט מעיד געווען אז אין הימל האט מען געעפנט א ספעציעלער צינור פון וואו מ'איז משפיע פאר אידישע קינדער.

לרגל דעם גרויסן שבת האבן מיר זיך פארבינדן מיט איינער פון די עלטערן, מחשובי תושבי עירנו, וואס האט שוין מיטגעהאלטן עטליכע שבתים פון קשר נפשי און ער וועט אונז שילדערן וואס איז דא צו ערווארטן.

אונזער מיטשמועסער האט אויסגעקליבן צו בלייבן אנאנים, און מיר זענען מכבד זיין החלטה.

**אין קורצן, וואס איז די באדייט פון א 'שבת קשר נפשי'?**

אז דו האסט געבעטן אין 'קורצן' וועל איך דיר עס זאגן אין צוויי ווערטער; שבת קשר נפשי איז פשוט א "וואש-מאשין"!

דארט קומט מען און מען ווערט פשוט אויסגעוואשן פון די שווערע געפילן וואס עלטערן אין אזא מצב טראגן מיט זיך. מ'קומט אהיים ווי נייע מענטשן. עס איז פשוט נישט צום גלייבן וואס דארט גייט פאר.

איך קען דיר נאר זאגן איין זאך אז בלויז נאך מיין ערשטע מאל זיין ביי א שבת פון קשר נפשי, אפגעראכטן געווארן אין אר"י, האבן מיר געשפירט ווי נייע מענטשן און שינויים זענען געזען געווארן גלייך. ברוך ה'.

**אויב קענט איר עס אויסשמועסן אביסל ברייטער.**

לאמיר דיר עס צונעמען אויף קליין געלט, ווי מ'רופט עס. ווען עלטערן טרעפן זיך ספראוועגען מיט א פראבלעם ווען א קינד גייט נישט אויפן גוטן וועג זענען די זעלבסט-שולד-געפילן פשוט אומדערטרעגליך. מ'ווייסט נישט וואו איז מען געגאנגען ראונג, וואס האב איך געטון נישט ריכטיג אז מ'איז אנגעקומען צו אזא מצב.

אויסער דעם פילט מען ממש א דורכפאל. מ'פילט ווי איך בין דורכגעפאלן אין חינוך. די געפיל פון דעם איז פשוט נישט צו שילדערן. זאלסט עס קיינמאל נישט שפירן אויף דיינע אייגענע ביינער.

צוליב דעם פרובירט מען זיך אריינצושטעקן די קאפ אין זאמד, און זיך באהאלטן פון די מענטשהייט מיינענדיג אז אזוי וועט קיינער נישט זען דיין דורכפאל...

ווען מ'קומט צו אט די שבתים זענען די תוצאות געוואלדיג אין עטליכע הינזיכטן. ערשטנס טרעפט מען זיך מיט נאך מענטשן אינעם זעלבן פעקל. מ'זעט אז עס איז נישט 'דיין' דורכפאל, ס'איז ליידער א נסיון וואס פלאגט אונזער דור און דער אויבערשטער האט זיך זיינע חשבונות וועמען ער פרובירט מיט אט דעם נסיון.

פיל מער פון דעם איז די דרשות און קלאסן וואס מ'הערט דורכאויס די עטליכע טעג. עס איז ממש א טל של תחי' אויף אונזערע ביינער. עס איז פשוט א 'מוז' פאר יעדע טאטע און מאמע וואס האבן דעם נסיון ביי זיך עס צו קומען הערן.

אויף אט די שבתים קומען די גרעסטע מומחים אינעם פעלד פון חינוך, רבנים, משפיעים, און פון די אנדערע זייט זענען דא טעראפיסטן וואס געבן די ריכטיגע בליק, הדרכה, עצה און קלאפ אין פלייצע. סיי ביי די מענער און סיי ביי די נשים צדקניות.

**וואס ערווארטן די עלטערן אויפן קומענדיגן שבת אין קערעסטיר?**

ווי יעדעס מאל וועט עס געפראוועט ווערן אויף א דערהויבענעם פארנעם בעז"ה, אבער דאס מאל וועט עס זיין גאר ספעציעל. ס'וועט זיין בחצרו פונעם הייליגן צדיק וקדוש דער מופת הדור רבי ישעי'לע קערעסטירער זי"ע.

דער גרויסער צדיק וואס האט כל ימיו זיך אוועקגעגעבן צו העלפן און מקרב זיין אנדערע אידן, וועט ממקום מנוחת קודשו פועל'ן אין הימל און אונז אלע מקרב זיין מיט אן אמת'ן קשר צו אונזערע קינדער, און זיי מקרב זיין צו אונז און מיט דעם מקיים זיין דעם והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם.

אויסער דעם, דאס עצם פאָרן צוזאמען צו די מקומות הקדושים זיך אויסוויינען און אויסבעטן אויף אונזערע דורות וועט אוודאי בוקע רקיעים זיין און אויפטון לטובה ולברכה.

לויט ווי די עסקנים דערציילן קומט א שבת וואס איז נאכנישט געווען, ברוחניות ובגשמיות. העמיר ווארטן און הערן און דערנאך וועל איך אייך קענען שילדערן...

ווייסט פונקטליך וואס דו ווילסט! נאר וואס דען? עפעס איז מיט אים וואס לאזט אים נישט אויספירן דיין רצון, וואס איז באמת גערעדט, זיין אייגענע רצון.

"וויפיל מער נארישקייטן דאס קינד טוט, וויפיל מער אויפשריפטן אויפן האנט, ווי מער זיך דרייען וואו א אידיש קינד באלאנגט נישט, אלס מער צעבראכן און צעמישט איז דאס קינד." מען רעדט נישט דא וועגן סתם בעלי תאוה און ליידיגגייער, מען רעדט וועגן גייסטישע פראבלעמען וועלכע פארדינען נישט צו ווערן ארויסגעווארפן פון שטוב, בפרט אז מ'ווייסט אז אויפן גאס וועט די מצב זיין פיל ערגער.

"ארויסווארפן וועט נישט העלפן, ס'וועט נאר צעווארפן יעדעס מעגליכקייט פון אמאל צוריקזען דאס קינד. אבער אין אסאך פעלער רעדט זיך עס פון פיקוח נפש ממש, וואס די עלטערן - זייענדיג א נוגע בדבר - קענען נישט אלעמאל זען.

"מען מאכט אויף די אויגן טיף אריין אינעם קינד'ס נשמה צו זען וואס גייט 'באמת' פאר דארט, און דאס געבט די ערשטע מעגליכקייט פאר די עלטערן צו בכלל קענען אנהייבן ארבעטן מיט די ריכטיגע שכל הישר צו בויען א קשר של אהבה מיטן קינד טראצדעם וואס דאס קינד זעט נישט אויס און טוט נישט אזוי ווי מען וואלט געוואלט.

עפעס איז געשען מיט אייער קינד ווען ער/זי איז געווען יונגער און דערפאר האלט מען ביי דעם מצב. עס האט גארנישט צו טון מיט די עלטערן אז מען זאל זיך בכלל מעגן פילן שולדיג אין דעם, לא מיניה ולא מקצתיה.

"די מציאות האט אויפגעוויזן, אז איינער וואס האט באמת ליב און ווייזט ארויס אהבת נפש צו דאס קינד, וועט דאס קינד ווערן נאנט כמים פנים אל פנים און פרובירן, לויט דעם קינד'ס מעגליכקייט, צופרידן צושטעלן די עלטערן. און פארקערט האט עס ליידער א גאר שלעכטע אפעקט און מען קען זיך געזעגענען מיטן קינד פאר ווער ווייסט ווי לאנג .

"ווייז ארויס, טו זאכן, זאג דאס קינד אז כ'האב דיר ליב און כ'טראכט פון דיר אזויפיל. א קינד דארף הערן, פון הארץ ארויס, אז מען האט אים/איר ליב, דאס קינד דארף א קשר, א געזונטע פאזיטיווע קשר. א קשר איז ווי ברויט צו די נשמה, סיי דעם קשר מיטן באשעפער, עלטערן, משפחה, חברים, און ווי סאך מען האקט אפ דאס קשר אלס מער ווערט דאס קינד א פארלוירענער טיפער און טיפער אינעם טונקל.

איך פרוביר אים איידעלערהייט צו פרעגן צי די מהלך איז נישט קיין אפענע סתירה מיטן פסוק וואס דער חכם מכל האדם זאגט, "חושך שבטו שונא בנו" - אז מ'דארף מוסר'ן א קינד וואס גייט נישט אינעם גוטן וועג. ר' גדלי' ווערט נישט פארלוירן און זאגט מיט קלארקייט:

"קודם כל, האב איך שוין פריער געזאגט אז אט די מהלכים ווערן געגעבן נאך וואס מ'האט באקומען א קלארע דעת תורה וויאזוי זיך צו פירן. אדרבה, פרעג דיין רב, רבי, משפיע, ראש ישיבה וויאזוי מ'דארף זיך פירן אין אזא פאל און קום צוריק מיר זאגן וואס זיי האבן דיר געזאגט....

"די מציאות איז אז רוב גדולי ישראל האלטן די זעלבע אז די פסוק רעדט פון א געזונטע שטוב. א געזונטע טאטע צו געזונטע קינדער. ווען מ'האט א געזונטע קינד דארפן די עלטערן האלטן א דיסציפלין און געבן א ריכטיגע חינוך ווי ס'דארף צו זיין. איינער וואס טוט דאס נישט האט באמת פיינט זיין קינד ווייל דער קינד וועט וואקסן א פרא אדם.

"אבער רבי איד, מיר רעדן נישט דא וועגן דעם כלל וכלל, מיר רעדן וועגן קינדער וואס אויב האקן מיר אפ מיט זיי קענען זיי גיין מטה מטה ברוחניות און בגשמיות פונקט אזוי אדער נאך מער. מיר רעדן וועגן קינדער וועלכע מען דארף ציטערן זיי זאלן נישט זיין אליין אויף א בריק ל"ע...

"ווען א קינד האט ל"ע יענע מעשה און די האר פון קאפ פאלט אים ארויס, ער דרייט זיך ארום אן קיין פיאות, וואלט איינעם בייגעפאלן אז מ'דארף דעם קינד ארויסשטעלן פון שטוב?! ליידער איז דא קינדער וואס האבן א גייסטישע יענע-מחלה.. עפעס איז געשען צו זייער נפש. א זאך וואס איז נישט צוליב און נישט אין קאנטראל פון די עלטערן. דאס קינד איז עפעס אדורך און די האר פון קאפ איז אים ארויסגעפאלן... (אדער גאר זיך עקסטרעם צעוואקסן...) אין אזא מצב ווערט די סכנה נאר גרעסער אויב מ'שטעלט ארויס פון שטוב אדער אויב האקט מען אפ די קשר.

"א יעדע אידיש קינד איז אן עולם מלא, און מען דארף זיך אויפפירן מיט זיי טראכטנדיג אז מיט יעדעס ריר שאקלט מען וועלטן, לטב ולמוטב, און דערפאר פעלט זיך אויס גאר ערנסטע ישוב הדעת ווען מ'מאכט



הרב גדלי' מיללער טרעט אויף ביים אסיפה פאר די לאנדאנער קשר נפשי עסקנים

החלטות אין לעבן און בפרט ביי פעלער פון נושרים וואס מיט יעדע ריר קען מען טאקע צוריקברענגען אבער אויך אוועקווארפן וועלטן פאר אייביג." פירט ער אויס מיט זיין אויסגעארבעטע השקפה ווען ס'קומט צו די נושא.

ר' גדלי' חזר'ט איבער אז ער איז נישט קיין 'דעת תורה' און מאכט נישט די האקעלע החלטות וואס צו טון מיט קינדער אינדערהיים וואס גליטשן און די סביבה קען ווערן אפעקטירט דערפון. צו אים קומט מען הערן ווי אזוי מען קען בכלל דאס דערהייבן, און אויספירן מיט אומבאגרעניצטע אהבה.

"טייל קומען צו אונז נאכן ערהאלטן זייער דעת תורה און טייל קומען צו אונז נאך פריער צו הערן בכלל ווי אזוי זיך צו באציען צו דעם פרשה און עס דורכמאכן די בעסטע שייך, אוודאי וועלן מיר זיי זאגן אז פאר החלטות בדיני נפשות זאלן זיי פרעגן זייער מורה דרך. - איך האב נאר ארויפגעלייגט די וועג וואס מ'דארף צו וויסן ווען איינער האט שוין ערהאלטן זיין הוראה פון זיין דעת תורה און וויל נאר וויסן מיט וועלכע בליק ער דארף צוגיין צו דעם און ווי אזוי דאס אויספירן למעשה.

"געלויבט דער אויבערשטער אז די שבתים וואס מיר מאכן כסדר עפנט די אויגן פון די עלטערן און געבט זיי חיזוק אנצוגיין און ווי אזוי אומצוגיין, סיי מיט די קינדער נעבעך וואס זענען אינעם קריזיס און סיי מיט די אנדערע קינדער אין שטוב. ברוך ה' אז דורך די שבתים האבן מיר באוויזן צו ראטעווען גאר אסאך אידישע נשמות." ענדיגט ער דעם שמועס שפעט אינמיטן די נאכט, דערביי אויסדרוקנדיג א הודאה על העבר ובקשה על העתיד. ש

בס"ד

# באז שבת באז מנוחה

## הונדערטער היימישע עלטערן וועלן אנטייל נעמען ביים אומפארגעסליכע און דערהויבענע קשר נפשי שבת קומענדיגן שבת לך לך הבעל"ט

נפשי קשורה בנפשו

קשר נפשי קערעסטיר

KERESTIR



הרב מוטה פראנק הי"ו · הרה"ג ר' שמעון שנייבלג שליט"א · הר"ר בן ציון טווערסקי שליט"א · הרב דוד טוגנדהאפט שליט"א · הרה"ג ר' יצחק שווארץ שליט"א · הר"ר שמעון ראססעל שליט"א LCSW

הרב אהרן פרידמן שליט"א · ר' שלום יעקב וואזנער שליט"א · ר' יקותיאל אלימלך פריעדמאן שליט"א · ר' שלמה עהרליך שליט"א · ר' מרדכי וויינבערגער הי"ו LCSW · ר' חיים בן-נון הי"ו MFT, LCPC

ר' דן שטערן הי"ו · חזן ר' יואל אויש הי"ו · ר' אייזיק לייב מיללער הי"ו

**Special Womens Program:**

Rebbetzin Tzivi Tukachinsky
Shani Lisser
Miriam Israeli

זינגערס CHOIR

### זכות אבות יגן עלינו

נסיעה צו מקומות הקדושים קערעסטיר, אוהעל, קאלוב, צאנז, קראקא ועוד

### שבת קודש בצל כנפיך יחסיון

א ווארעמע שבת צו פראוועגען באגלייט מיט דערהויבענעם תפילות און טאלאנטפולע בעלי תפלה און קאפעלע.

### וזכנו לגדל בנים

רייכע פראגראם פון דרשות און שיעורים ריכטיגע אנווייזונגען פאר עלטערן פון קינדער

### לשובע ולא לרזון

נאראפטיגע מאכלים - מיט'ן היימישן געשמאק, דורכאויס די גאנצע נסיעה

פאראייניגטע כח פון עלטערן צוזאמען. וועלן הערן, שפירן, און מיטלעבן דערהויבענע מאמענטן. באגלייט מיט עצות, חיזוק און הדרכה וויאזוי צו פירן דאס לעבן ווייטער און שפינען א 'קשר' מיט קינדער אין שווערע אומשטענדן.

פרישע קשרים מיט עלטערן וואס גייען אדורך דעם זעלבן חינוך-קריזיס

**א קוואל פון חיזוק פאר'ן גוף און נשמה געבן די כוחות צו גיין ווייטער**

'שבת - קשר נפשי' איז נישט בלויז נאך א 'שבת'. דאס איז 'די שבת' וואס הייבט, שיינט און לייכט אנגעפירט דורך חשוב'ע רבנים ומחנכים, בעלי השפעה מפורסמים בעולם החינוך וואס געבן די ריכטיגע הדרכה און ידיעות וויאזוי זיך אומצוגיין אין יעדן מצב.



שבת פרשת לך-לך
י"א-י"ד חשון תשפ"ד

**Thursday Oct. 26th - Sunday Oct. 29th, 2023**

*Optional Extension until Monday*

Departure from USA: Wed. Oct. 25th

JWC Luxury Hotel · GO GOLD Tours & Vacation Planning · CRC · CZARNY POTOK Resort Spa & Conference · Eli Friedman Productions · כשר KEDASSIA

קשר נפשי ארץ ישראל · קשר נפשי EUROPE אייראפע · קשר נפשי נפשי קשורה בנפשו

## רעזערווירט שוין!

+44 7739 594660
KESHERNAFSHIEUROPE@GMAIL.COM